בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א שבת קודש פרשת ויקהל, שבת שקלים, מברכים חודש אדר שני, שנת תשפ"ב לפרט קטן, אין קרית ברסלב - ליבערטי יע"א, ביי שלש סעודות.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

## שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, שַׁבַּת שְׁקָלִים, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אֲדָר שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גְעֶוועזְן אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע״א. בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פָּארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן טו, אוּן שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן ג.

אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר, הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן:

רִבּוֹן הָעוֹלָמִים, אוֹהֲבֵי ה׳ אַהֲבַת תָּמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ אִיד,

וָואס לֶעבְּט בִּתְּמִימוּת אַלֶע זַיינֶע יָארְן,

אוּן אָן תַּעֲרוּמוֹת, נָאר בִּתְּמִימוּת,

נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפָארְן.

אוֹי רִבּוֹן הָעוֹלָמִים, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ תָּמִים,

אוֹי רִבּוֹן הָעוֹלָמִים, וִוי מִיר לֶעבְּן הַיינְט אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ תָּמִים.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְלֶערְנֶען אִינֶעוֵוייניג (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן טו):

אָמַר דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, שֶׁהוּא חָכְמָה וּמְלָאכָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת כְּמוֹ בְּהֵמָה עֶס אִיז אַ חָכְמָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע אַרְבֶּעט צוּ זַיין אַזוֹי וִוי אַ בְּהֵמָה.

## אִיךְ בִּין אַ נַאר אוּן גְלֵייבּ

וָואס מֵיינְט ׳זַיין אַזוֹי וִוי אַ בְּהֵמָה?׳ - דָאס מֵיינְט זִיךְ צוּ פִירְן פָּשׁוּט בִּתְּמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; אִיךְ לֵייג אֲוֶועק אַלֶע מַיינֶע חָכְמוֹת, אִיךְ לֵייג אַוֶועק מַיין גַאנְצֶע שֵׂכֶל אוּן אִיךְ טוּ וָואס אִיךְ דַארְף צוּ טוּן, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״נָאךְ אַלֶע מַיינֶע

חָכְמוֹת, נָאךְ אַלֶע מַיינֶע כַּוָנוֹת, לֵייג אִיךְ אַלֶעס אַוֶועק, אִיךְ בִּין אַ נַאר אוּן גְלֵייבּ״; צַדִיקִים זֶענֶען אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וִוי גְרוֹיס צַדִיקִים זֶענֶען, מִיר וֵוייסְן אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס מִיר וֵוייסְן נִישְׁט, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּם דַאוֶונֶען לֵייגְט עֶר אַוֶועק אַלֶע זַיינֶע חָכְמוֹת. (דֶער וָוארְט וֶוערְט וֶוערְט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פִילֶע מָאל אִינֶעם סֵפֶר הַקָדוֹשׁ ״יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל״, אִיךְ פְּלֶעג אַלְס בָּחוּר אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר, עֶס אִיז פוּל מִיט חִיזוּק, עֶס רֶעדְט אַסַאךְ אַרוּם פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת אָן קַיין חָכְמוֹת).

דָאס אִיז מַמָשׁ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַזוֹי וִוי אַ בְּהֵמָה, זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק פוּן דִי וָואכֶענְדִיגֶע סֶדְרָה:

וְזֶה בְּחִינַת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: ״כֹּל אֲשֶׁר נָתַן ה׳ חָכְמָה בָּהֵמָּה״ (שְׁמוֹת לו, א). בִּפְשְׁטוּת טַייטְשְׁט דָאס וָוארְט ׳בָּהֵמָּה׳ - אִין זֵיי, טַייטְשְׁט אָבֶּער דֶער רֶבִּי, הַיְנוּ שֶׁהוּא חָכְמָה לַעֲשׂוֹת עַצְמוֹ כִּבְהֵמָה עֶס אִיז אַ חָכְמָה צוּ זַיין אַזוֹי וִוי אַ בְּהֵמָה. (וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגְן (חֻלִּין ה:): עַל פָּסוּק אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים לו, ז): ״אָדָם וּבְהֵמָה תוֹשִׁיעַ ה׳״, אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם שֶׁעֲרוּמִים בְּדַעַת דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר קְלוּג, וּמְשִׁימִין עַצְמָן כִּבְהֵמָה אוּן זֵיי מַאכְן זִיךְ וִוי אַ בְּהֵמָה, זֵיי טוּעֶן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין חָכְמוֹת. וּכְמוֹ שֶׁאָמַר אָסָף אוּן אַזוֹי וִוי אָסָף בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שָׁם עג, כב): ״וַאֲנִי בַעַר וְלֹא אֵדָע בְּהֵמוֹת הָיִיתִי עִמָּךְ״, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה אִיז, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, וְעַיֵּן בְּמָקוֹם אַחֵר מִזֶּה [עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָנִים יט; מד]).

## סִפְרֵי חֲקִירָה

אַלֶע הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וּבְתוֹכָם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, הָאבְּן זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט מֶען זָאלְן נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין ׳סִפְרֵי חֲקִירָה׳; מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן סִפְרֵי אַפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן, נָאר אֲפִילוּ סְפָרִים פוּן הֵיילִיגֶע רִאשׁוֹנִים וִוי דֶער סֵפֶר ׳מוֹרֶה נְבוּכִים׳, פוּנֶעם הֵיילִיגְן רַמְבַּ״ם, הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט

צו לֶערְנֶען (עַיין חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז, תח, תט). פַארְוָואס? וַוייל מִיט חֲקִירוֹת קֶען מֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַז מֶען אִיז אַ נַאר, מֶען לֵייגְט אַוֶועק דִי שֵׂכֶל אוּן חָכְמוֹת, אוּן מֶען 'גְלֵייבְּט' אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט גוּטְס פַאר וֶוער עֶס הִיט דִי תּוֹרָה אוּן בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוער עֶס הַאלְט נִישְׁט דִי תּוֹרָה – קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן יב): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ זַיין שֵׂכֶל אוּן זַיין חָכְמָה קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ מַאכְן גְרוֹיסֶע טָעוּתִים אוּן צוּ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע רְשָׁעִים וָואס הָאבְּן פַארְדְרֵיידְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוייל זֵיי זֶענֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת; זָאגְט דֶער רֶבִּי דָארְט וַוייטֶער: "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא, רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז, מֶען זָאל פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

## גֵיין אִין פֵייעֶר מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים (עַיין סֵפֶר אוֹר הַחַיִּים, מֵאֵת רֶבִּי יוֹסֵף יַעְבֵּ"ץ, פֶּרֶק ב), אַז אִין דִי צַייטְן וָואס דִי גוֹיִם הָאבְּן גֶעמַאכְט גְזֵירוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאט מֶען גֶעזֶען דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען נָאךְ זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַוֶועק גֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן זֵיי, נָאר דִי וָואס הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין פֵייעֶר מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן בַּיי זֵיי אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִידִישְׁקֵייט.

## אַ צַייט פוּן אַ מִלְחָמָה

אִין יֶעדְן דוֹר זֶענֶען גֶעוֶוען אַז דִי גוֹיִם זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן גֶעמַאכְט גְזֵירוֹת אַז מֶען טָאר נִישְׁט הַאלְטְן קַיין אִידִישְׁקֵייט. יֶעצְט הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ מִלְחָמָה צְווִישְׁן רוּסְלַאנְד אוּן אוּקְרַיינָא; דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי אִידְן זָאלְן נִישְׁט פַאלְן אַלְס קָרְבָּן פַאר אֵיינֶע פוּן דִי צְוֵויי לֶענְדֶער. אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר אִיז פַארְזִיכֶערְט, 'מִיר הָאבְּן אוּנְזֶערֶע הֶעלְפֶערְס, שׁוֹמְרִים, הַצָּלָה, חֲבֵרִים', מֶען קֶען זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט פַארְלָאזְן – נָאר

אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִין אַ צַייט פוּן אַ מִלְחָמָה דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט שָׁאטְן פַּאר אִידְן.

## מִלְחֶמֶת גוֹג וּמָגוֹג

מוֹהֲרָא״ש שְׁרַייבְּט אַז פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מַשְׁמַע אַז ׳מִלְחֶמֶת גוֹג וּמָגוֹג׳ וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין מִלְחָמָה מִיט טַאנְקֶען אוּן בָּאמְבֶּעס, נָאר דֶער מִלְחָמָה וֶועט זִיךְ אָפְּטוּן בַּיי יֶעדְן אִיד אִין מֹחַ, דָאס וֶועט זַיין אַ שְׁוֶועֶרע בִּיטֶערֶע מִלְחָמָה, אֵיין מִינוּט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן: ׳עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער׳, נָאכְדֶעם וֶועט עֶר הָאבְּן אַ קַשְׁיָא אוֹיף דִי אֱמוּנָה; אַ מִלְחָמָה וָואס דְרֵייְדְט זִיךְ אִין קָאפּ, מֶען טְרַאכְט: ׳זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן בַּיי אִידִישְׁקֵייט אָדֶער נִישְׁט׳, ׳זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן מִיט מַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אָדֶער נִישְׁט׳, דִי שְׁוֶועֶרע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת קֶען מֶען נָאר בַּייקוּמֶען אוֹיבּ מֶען גֵייט מִיט תְּמִימוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן אִיךְ טוּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט.

## שִׂמְחָה פוּן דִי מִצְוָה

אִין גֶעוִויסֶע פְּלֶעצֶער הָאט מֶען פֶּסַח אוּן בַּיי אַנְדֶערֶע מִצְוֹת אַרַיינְגֶעלֵייגְט קָאפּ אוּן מֹחַ בְּעִיקָר אִינֶעם ׳דִקְדוּק הַמִּצְוֹת׳, וִוי מֶען קֶען מַאכְן דִי מִצְוָה מֶער אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן מֶער אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אָבֶער בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר דִי ׳שִׂמְחָה׳ פוּן דִי מִצְוָה, דִי ׳לֶעבְּן׳ פוּן דִי מִצְוָה.

אַ אִיד דַארְף זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט; וֶוען מֶען קוּמְט אִינְדֶערְפְרִי אִין שׁוּל דַאוְוענֶען, מֶען טוּט אָן תְּפִלִין, גֶעבּ אַ טְרַאכְט: פַאְרוָואס קוּם אִיךְ אִין שׁוּל? פַארְוָואס טוּ אִיךְ אָן תְּפִלִין? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן! פַארְוָואס טוּ אִיךְ אָן צִיצִית? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן! פַארְוָואס הִיט אִיךְ שַׁבָּת? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן! אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: ״וֶוען מֶען הַאלְט אַ מַצָה אִין הַאנְט הַאלְט מֶען כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל וֶוער הָאט גֶעהֵייסְן עֶסְן מַצָה? מַאכְן דִי מַצָה? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז עֶס אַזוֹי וִוי מֶען הַאלְט אִים אַלֵיינְס״.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה, נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז שׁוֹין זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין

אַלֶעס, דִינְט מֶען וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט.

אַזוֹי וִוי אַ אִינְגְל פוּן חֵדֶר אִיז בַּר מִצְוָה גֶעוָוארְן, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָּארְגֶעלֶערְנְט נָאךְ אַ שְׁטִיקְל, אִין סֵפֶר שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ג, וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן רֶבִּינְ'ס בַּר מִצְוָה.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט: לְכָבוֹד דִי שִׂמְחַת הַבַּר מִצְוָה וֶועלְן מִיר פָּארְלֶערְנֶען אַ שְׁטִיקְל פוּן סֵפֶר שִׁבְחֵי הָרַ"ן.

דָאס אִיז הִתְחַזְקוּת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם. יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ זֶע אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר, וֶוער אִיךְ פְרִישׁ, אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּן מַיין בַּר מִצְוָה וִוי שְׁטַארְק אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעמַאכְט 'דָאס אִיז עֶס, אִיךְ גֵיי זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד!'

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ג):

אַחַר־כָּךְ נִתְגַּדֵּל יוֹתֵר, וּכְשֶׁנַּעֲשָׂה בַּר-מִצְוָה, קָרָא אוֹתוֹ דּוֹדוֹ הָרַב הַקָּדוֹשׁ מוֹרֵנוּ הָרַב אֶפְרַיִם זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַב־בֵּית־דִּין דִּקְהִלַּת קֹדֶשׁ סִידִילְקוֹב, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט בַּר מִצְוָה גֶעהַאט, אִיז גֶעקוּמֶען זַיין פֶעטֶער דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי מֹשֶׁה חַיִּים אֶפְרַיִם פוּן סִידִילְקוֹב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה - בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר 'דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם'.

מִיר הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין וֶועלְכֶע שְׁטוּבּ דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע שְׁטוּבּ, אִין שְׁטוּבּ פוּן אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער אָדְל, אוּן אָדְל הָאט גֶעהַאט דְרֵיי קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּזְשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה חַיִּים אֶפְרַיִם פוּן סִידִילְקוֹב - בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר 'דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם, נָאכְדֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע 'פֵיגָא'; דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין בַּר מִצְוָה, זַייעֶנְדִיג אַ פֶעטֶער פוּנֶעם בַּר מִצְוָה בָּחוּר.

וְאָמַר לוֹ הַפָּסוּק אוּן אִים גֶעזָאגְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים ב, ז): "אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ", (כִּי זֶה נֶאֱמַר עַל הַיּוֹם שֶׁהָאָדָם נַעֲשֶׂה בַּר-מִצְוָה, כַּמּוּבָא בַּסְּפָרִים [עַיֵּין

רַשִׁ"י שָׁם, וְזֹהַר חָדָשׁ יו), דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן טָאג וָואס מֶען וֶוערְט בַּר מִצְוָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט דֶעם בַּר מִצְוָה בָּחוּר: "אִיךְ הָאבּ דִיר הַיינְט גֶעבּוֹירְן, דוּ בִּיסְט מַיין קִינְד", דוּ הֵייבְּסְט הַיינְט אָן דַיין לֶעבְּן. וְאָמַר לוֹ קְצָת מְעַט דִּבְרֵי מוּסָר אוּן עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל מוּסָר, וְהָיָה יָקָר בְּעֵינָיו מְאֹד מְאֹד כְּמוֹצֵא שָׁלָל רָב דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט אַז דִי וֶוערְטֶער אִיז בַּיי אִים גֶעוֶוען אַזוֹי טֵייעֶר, מַמָּשׁ וְוי אֵיינֶער טְרֶעפְט אַ גְרוֹיסֶער אוֹצָר, עֶר הָאט זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען מִיט דִי מוּסָר אוּן חִיזּוּק וָואס דֶער פֶּעטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז אַ גוּטֶע צַייט אָנְצוּהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַחַר־כָּךְ נִכְנַס לַחֻפָּה גְלַייךְ נָאךְ דִי בַּר מִצְוָה הָאט דֶער רֶבִּי חֲתוּנָה גֶעהַאט.

דָאס דַארְף מֶען קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין, טוּן אַזוֹי וְוי דֶער רֶבִּי, גְלַייךְ נָאךְ דִי חוּפָּה גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה.

וְתֵכֶף בִּיצִיאָתוֹ מִן הַחֻפָּה הָיָה מִתְלַהֵב מְאֹד וּמִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְנִכְנַס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם מִיּוֹם אֶל יוֹם נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

## מֶען קֶען וֶוערְן כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד

מֶען דַארְף וִויסְן אַז דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים ב, ז): "אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ", אִיז נִישְׁט נָאר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַ 'בַּר מִצְוָה בָּחוּר', דָאס קֶען זַיין פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶע'פּוֹעֶל'ט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז וֶוען מֶען וֶועט זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן מִיר וֶוען מֶען וֶוערְן כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד!"

וְוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד? נָאר וֶוען מֶען הֶערְט דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן, מַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ אָפּ בַּיי זִיךְ: 'אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל דִיךְ דִינֶען", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל לֶערְנֶען", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל דַאוֶוענֶען".

## איך הייב אָן פון יֶעצְט

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גוּט אַרוֹיס צוּ זָאגְן פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע רְצוֹנוֹת, אַלֶעס וָואס מֶען ווִיל, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רלט) בִּשְׁעַת מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל מֶען דָאס זָאגְן פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם בִּין אִיךְ דֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִיךְ זָאל טוּן אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקֵייטְן? הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל שׁוֹין זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל שׁוֹין זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט דִיר צוּ דִינֶען".

## לָאמִיר אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי

אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט 'וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוֹין?' 'וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין פוּן מִיר?' עֶר מֵיינְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין סַיי ווִי פַארְפַאלְן, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, מֶען קֶען זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אִין אֵיין מִינוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן רֶבִּי'ן קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער וֶוערְן 'כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד' אַזוֹי ווִי אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר, דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט אוּנְז אָפְּצוּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן. אַנְשְׁטָאט לוֹיפְן גְלַייךְ נָאכ'ן זְמַן מוֹצָאֵי שַׁבָּת נֶעמֶען דֶעם טֶעלֶעפָאוֹן אִין הַאנְט שְׁטֵיין אוּן קוּקְן סְטֶעטוּס, גֵיי אִיךְ נֶעמֶען דִי מִשְׁנָיוֹת אִין הַאנְט אוּן זָאגְן אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אִיךְ גֵיי נֶעמֶען דִי גְמָרָא אִין הַאנְט אוּן זָאגְן אַ דַף גְמָרָא, אִיךְ גֵיי נֶעמֶען דֶעם תְּהִלִּים אִין הַאנְט אוּן זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים, ווַייל דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאר דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּן אַ מֶענְטְשׁ.

וֶוען מֶען זֶעט אַ פְרִישֶׁע בַּר מִצְוָה בָּחוּר וֶוערְט מֶען אַלֵיינְס פְּרִישׁ, דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר הֵייבְּט אָן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאמִיר אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגּוּן לְכָבוֹד שַׁבָּת מְבָרְכִים: "יְחַדְּשֵׁהוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם. לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה. לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה. לִישׁוּעָה וּלְנֶחָמָה. לְפַרְנָסָה טוֹבָה וּלְכַלְכָּלָה. לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם. לִשְׁמוּעוֹת טוֹבוֹת. וְלִבְשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת. וְלִגְשָׁמִים בְּעִתָּם. וְלִרְפוּאָה שְׁלֵמָה. וְלִגְאוּלָּה קְרוֹבָה וְנֹאמַר אָמֵן".